ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# קב הישר
## שופטים

אידיש

**848**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשס"א לפ"ק

בעזרת השם יתברך

# פרק צג-צד

## שופטים

### אין די פרקים ווערן ערקלערט:

אַ טעם פאַר דעם וואָס "אסור לאדם למלא שחוק פיו בעולם הזה". - וואָס דאָס האַרץ, לעבער און מילץ פון דעם מענטש זענען מרמז. - דער גרויסער חיוב צו טרויערן אויף דעם חורבן בית המקדש און אויף דאָס פאַרגאָסענע אידישע בלוט. - אַ מעשה פון דעם בעל מחבר ספר "תיקוני שבת" וואָס ער האָט זוכה געווען צו זעהן די שכינה ביים כותל מערבי. - וואס דער אריז"ל האָט געזאָגט אויף אים.

די גרויסע ליבשאַפט פון דעם אויבערשטן צו די אידן, וואָס ער נידערט אַראָפּ כביכול צו זיין מיט זיי אין גלות. - גלות מצרים און גלות בבל. - די גרויסע יסורים וואָס די אידן ליידן אין גלות, און דער חיוב אָנצונעמען באהבה די יסורים. - דער חיוב צו טרויערן אויף דעם חורבן בית המקדש, באַזונדערס אין די טעג פון בין המצרים.

# אינהאלט

## פון פרקים צ״ג - צ״ד


**א.** אין פרק צ״ג ווערט דערקלערט: דער ענין פון נישט לאַכן מיט'ן פולן מויל ..... ה

**ב.** דער וואָס צאַרנט, איז גלייך ווי ער דינט די עבודת כוכבים ..... ה

**ג.** דער מענטש מוז תמיד זיך דערוועקן מיט איין ביטער האַרץ אויף דעם גלות השכינה כביכול ..... ו

**ד.** דער וואָס איז תמיד בצער אויף גלות השכינה כביכול, דער איז זוכה צו אַ כתר תורה ..... ז

**ה.** רבי אברהם איז אַ גלגול פון ירמיה הנביא ..... ז

**ו.** אַ געשטאַלט פון אַ אשה וואָס זי איז אָנגעקליידט מיט שוואַרצע קליידער ..... ח

**ז.** אַ שרעקליכע מעשה וועגן בזיון תלמיד-חכם ..... י

**ח.** אין פרק צ״ד ווערט ערקלערט: אַז השי״ת איז זיך משתתף אין די צרות פון די אידן און נידערט מיט זיי אראָפּ אין גלות ..... כא

**ט.** ווער עס וויינט אויפן צער פון שכינה און אידן, אויב עס קומט אויף אים אַ צער וועט ער עס גרינג דורכטראָגן ..... כא

**י.** ווען די אידן זאָלן וויסן דאָס ליבשאַפט וואָס השם יתברך האָט זיי ליב, וואָלטן זיי געשריגן ווי לייבן נאָך צו יאָגן נאָך אים ..... כא

**יא.** נאר דער וואס קלאגט אויפן חורבן וועט זוכה זיין צו פרייען זיך אין ירושלים מיטן בית המקדש ..... כב


❖ ❖ ❖

## ארחות חיים להרא"ש ז"ל

לבטוח בה' בכל לבבך ולהאמין בהשגחתו הפרטית ובזה תקיים בלבבך היחוד השלם בהאמין בו כי עיניו משוטטות בכל הארץ ועיניו על כל דרכי איש ובוחן לב וחוקר כליות כי מי שאינו מאמין אשר הוצאתיך מארץ מצרים אף באנכי ה' אלקיך אינו מאמין ואין זה יחוד שלם

כי זה הוא סגולת ישראל על כל העמים,

וזה יסוד כל התורה כולה.

# פרק צ״ג

## אין דעם פרק ווערט דערקלערט: דער ענין פון נישט לאַכן מיט'ן פולן מויל

**א. אמר ר' יוחנן,** ר' יוחנן האָט געזאָגט (ברכות לא, ע״א): אַ מענטש טאָר נישט לאַכן מיט דעם פולן מויל, ווייל עס שטייט אין פסוק: (תהלים קכ״ו, ב) ״אָז יִמָּלֵא שחוק פִּינוּ״, ווען דער גואל צדק וועט קומען, דעמאָלטס וועט דערפילט ווערן אונזער מויל מיט געלעכטער.

**ב. והענין הוא,** און דער ענין איז: השם יתברך האָט באַשאַפן אינעם מענטש דאָס האַרץ, לעבער און מילץ, דאָס האַרץ איז פון אויבן, און די לעבער איז אינמיטן, אין דער רעכטער זייט, און די מילץ איז אונטער אים פון דער לינקער זייט, און די מילץ איז מרמז אויף די ״לילית הרשעה״ וואָס איר סדר איז צו באַווייזן זיך פאַר מענטשן ביי נאַכט אין חלום אַזוי ווי דאָס געשטאַלט פון אַן אשה, ביז זי ברענגט אים צו קרי, און דערפאַר לאַכט תמיד די מילץ, און דאָס האַרץ איז מרמז אויף די אידן, און דערפאַר האָט דאָס האַרץ נישט גענומען אַזוי פיל בלוט ווי די לעבער נאָר דאָס ריינע און לויטערע בלוט, דאָס ער איז מבחין צווישן דם נדה און צווישן ריין בלוט. אָבער די לעבער שעפּט צו זיך גאָר דאָס בלוט, און די לעבער איז תמיד צאָרנדיג.

## דער וואָס צאָרנט, איז גלייך ווי ער דינט די עבודת כוכבים

**ג. ועל כן אמרו,** דערפאַר האָבן אונזערע חכמים ז״ל געזאָגט (זוהר ח״א, דף כז: ח״ג, דף קעט.): דער וואָס צאָרנט, איז גלייך ווי ער דינט די עבודת כוכבים. איך האָב שוין געשריבן (אין פרק ס״ח) אַז דער כעס איז פון דעם לעבער וואָס זי איז דער כח פון דעם ״סמא״ל״ (ס״מ), און ווען דאָס בית המקדש איז געשטאַנען האָט

דעמאָלטס געלייכט צו די אידן צוויי ליכט פון די צוויי אויבערשטע עולמות, וואָס אויף זיי ווערט געזאָגט (בראשית א, ג) ״יְהִי אוֹר, וַיְהִי אוֹר״. און די צוויי מאָל ״אוֹר״ - באַטרעפט אָן ״שְׂחוֹק״, אָבער אַז דאָס בית המקדש איז חרוב געוואָרן, האָבן די עבירות גורם געווען אַז די אויבערשטע ליכט זענען נסתלק געוואָרן, און דעמאָלטס האָבן זיך געשטאַרקט די דאָזיגע צוויי קליפות דער (סמ״ך מ״ם מיט די ״לילי״ת״), און דערפאַר דאַרפן מיר נישט לאַכן, און זיך נישט פרייען אויף דער וועלט, און אַז משיח וועט קומען דעמאָלטס וועט דערפילט ווערן אונזער מויל מיט פרייד, און אַז דער מענטש איז נישט נזהר אין דעם, גיט ער כח צו דער מילץ, און עס ווערן געשטאַרקט די צוויי קליפות וואָס שטייט פריער.

## דער מענטש מוז תמיד זיך דערוועקן מיט אַ ביטער האַרץ אויף דעם גלות השכינה כביכול

ד. **ולא מילוי שחוק,** און אויך די שמחות וואָס איז נישט פון אַ מצוה, איז אויך אסור און אפילו ביי אַ שמחה של מצוה דאַרף מען אויך נישט זיך פרייען איבעריג. תמיד מוז דער מענטש זיך דערוועקן מיט אַ ביטער האַרץ אויף דעם גלות השכינה כביכול, און זיפצן און גערענקען אין זיין האַרץ אַז מיר זענען געווען אין ארץ ישראל, און די שכינה האָט גערוהט צווישן די כרובים, און מיר האָבן אַלע מקבל געווען ליכטיגקייט, און מיר זענען געווען נאָנט צום שכינה הקדושה, און די קליפות זענען געווען באַהאַלטן און פאַרשטויסן אין דעם טיעפעניש פונעם תהום. אָבער אַצינד זענען די אידן פאַרשפרייט אין אַלע ווינקלען פון דער וועלט.

ה. **והלילי״ת היא,** און די לילית לאַכט און פרייט זיך, און האָט גרויס הנאה דערפון דאָס אויף אונז איז ממש מקויים דער פסוק (תהלים מד, כו) ״כִּי שָׁחָה לֶעָפָר נַפְשֵׁנוּ״, אונזער לייב איז איינגעבויגן ביז צו דער ערד. דערפאַר דאַרף דער מענטש טראַכטן

אין זיין האַרץ דאָס אין די פלעצער פון די תפילה וואָס דאָרטן שטייט פון גאולת ישראל, זאָל ער מכוין זיין צו בעטן אַז השם יתברך זאָל אונז אויסלייזן פון וועגן זיין הייליגע שכינה.

## דער וואָס איז תמיד בצער אויף גלות השכינה כביכול, דער איז זוכה צו אַ כתר תורה

**ו. וקבלה אמיתית,** און איך האָב בקבלה אַז דער וואָס האָט אין זיין האַרץ תמיד צער אויף גלות השכינה כביכול, דער איז זוכה צו אַ כתר תורה, און דער אר"י הקדוש שרייבט (אור צדיקים, עמוד העבודה, פרק י"ז) אויף דעם: רבי אברהם הלוי וואָס האָט מחבר געווען דעם תיקון שבת, פלעגט האַלבע נאַכט אַרום גיין אין אַלע גאַסן פון די אידן, און האָט געשריגן מיט אַ ביטער קול, און האָט געזאָגט אונזערע ברידער בית ישראל. איר ווייסט דאָך אַז די שכינה איז אין גלות כביכול איבער אונזערע זינד, און אונזער בית המקדש איז פארברענט געוואָרן און איר ליגט אויף אייער בעט און שלאָפט..

## רבי אברהם איז אַ גלגול פון ירמיה הנביא

**ז. קומו ונצעק,** שטייט אויף און לאָמיר שרייען צו אונזער ג-ט, וואָס ער איז אַ דערבאַרעמדיגער ג-ט, ווייל טאָמער וועט השם יתברך צו הערן דאָס קול פון אונזער תפילה, און ער וועט זיך מרחם זיין אויף זיין פאָלק, דאָס איבער בלייבונג פון ישראל, און דער חסיד רבי אברהם פלעגט שרייען און פלעגט נישט לאזן קיין רוה צו אַלע שטאָט לייט, און זיי פלעגן אַלע אויף שטיין אין איין שעה, און פלעגן אַלע גיין אין בית המדרש אַריין און פלעגן זאָגען דעם תיקון חצות, און דערנאָך פלעגן זיי לערנען יעדער מענטש לויט זיין השגה, און דער הרב האר"י ז"ל האָט אויף אים געזאָגט אַז ער איז אַ גלגול פון ירמיה הנביא.

## אַ געשטאַלט פון אַ אשה וואָס זי איז אָנגעקליידט מיט שוואַרצע קליידער

**ח. פעם אחת,** איינמאל האָט דער האר״י אים געזאָגט, זאָלסט וויסן, אַז דיינע טעג האָבן זיך שוין אויסגעלאָזט, און עס איז געקומען דיינע טעג צו שטאַרבן, נאָר אויב דו וועסט טאָן אַ תקנה וואָס איך וועל דיר לערנען וועסטו נאָך לעבן צוויי און צוואָנציג יאָר. און דאָס איז די תקנה, דו זאָלסט גיין קיין ירושלים און זאָלסט דאָרט מתפלל זיין פאַר דעם כותל מערבי, און זאָלסט דאָרט פיל תפלה טאָן און וועסט זוכה זיין צו זען די שכינה. איז דער חסיד געגאַנגען אַהיים און האָט זיך פארשלאָסן אין אַן עקסטער שטוב און האָט געפאַסט דריי מעת לעת, און דערנאָך איז דער חסיד געגאַנגען קיין ירושלים, און איז געקומען פאַר דעם כותל מערבי מיט תפילות און גרויס געוויין. דערנאָך האָט ער געזען אויף דער וואַנט אַ געשטאַלט פון אַ אשה וואָס זי איז אָנגעקליידט מיט שוואַרצע קליידער, און מחמת זיין פיל פחד איז ער תיכף געפאַלן אויף זיין פנים און האָט געשריגן און געוויינט מיט גרויס געוויין, און האָט געזאָגט ווי געשריגן, וואָס איך האָב דיר געזען אין אַזאַ געשטאַלט, און האָט אַזוי לאַנג געוויינט ביז ער איז מיד געוואָרן און אַנטשלאָפן געוואָרן.

**ט. ואז ראה,** און דעמאָלטס האָט ער געזען אין חלום אַז די רוח קדושה איז צו אים געקומען מיט שיינע קליידער און האָט געזאָגט טרייסט זיך מיין זון אברהם, דען עס איז פאַרהאַן אַ האָפענונג צו דיין סוף, און די קינדער וועלן צוריק קערן צו זייער גבול. האָט ער זיך אויפגעכאַפּט און צוריק געגאַנגען קיין צפת און איז געקומען צו דעם האר״י ז״ל. האָט דער האר״י ז״ל אים תיכף געזאָגט, איך זעה אויף דיר אַז דו האָסט זוכה געווען צו זען די שכינה, און יעצט זאָלסטו זיכער זיין אַז דו וועסט נאָך לעבן צוויי און צוואָנציג יאָר. און אַזוי איז געווען, דער חסיד האָט נאָך די מעשה געלעבט צוויי און צוואָנציג יאָר, און אַזוי דאַרף יעדער מענטש טאָן, אויפשטיין האַלבע

נאַכט אָדער כאָטש פאַרטאָגס צו קלאָגען אויפ'ן חורבן בית המקדש. ער דאַרף דאָס טאָן לשם שמים, אַזוי וועט ער זוכה זיין צו זען דעם בנין פון ציון און ירושלים אמן.

❖ ❖ ❖

# הוספה

## אַ שרעקליכע מעשה וועגן בזיון תלמיד-חכם

**די מעשה האָט** דער ציילט דער שפּעטעדיגער ירושלימער רב, דער גאון רבי אליהו דוד רבינוביץ תאומים זצ״ל, באַקאַנט מיטן נאָמען "אדרת" (ראשי תיבות: אליהו דוד רבינוביץ תאומים). און האָט וואָס דער "אדרת" דערציילט: דער רב פון הוראַדנא, הגאון ר׳ בנימין דיסקין זצ״ל, האָט אָנגעפירט די רבנות פון שטאָט מיט גרויס קלוגשאַפט און זיך פאַרשאַפט גרויס כבוד פון אַלע שטאָט-לייט, אַלע האָבן געהאַט גרויס דרך-ארץ פאַר׳ן רב און רעספּעקט. די מיטגלידער פונעם בית-דין פון שטאָט זענען שטענדיג געזעסן אין דעם רב׳ס הויז, און זיי האָבן געהאַט אַ באַזונדער צימער וואָס האט זיך געגרעניצט מיטן צימער פונעם רב. אַלע שאלות און דיני-תורה פון שטאָט פלעגט מען פאָרלייגן פאַר דעם בית-דין, און טאָמער איז עס געווען אַ שווערער ענין ביי וועלכן דאָס בית-דין האָט זיך נישט געקענט אַליין באַשליסן, פלעגן זיי דאַן אַריינגיין צום רב, אַדורכרעדן זיך מיט אים און הערן זיין מיינונג, וועלכע איז געווען ביי זיי הייליג און טייער. אויסער די בית-דין מיטגלידער, פלעגט כמעט קיינער נישט קענען אַריינגיין צום רב, סיידן ווען דער בית-דין האָט אים דערויף ערלויבט און ווען זיי האָבן באַשלאָסן אַז נאָר דער רב קען דערויף ענטפערן.

**איין טאָג** האָט זיך דערנעענטערט צום רב׳ס הויז אַ שיינער אויסגעפּוצטער וואָגן פון וועלכן עס איז אַראָפּגעשטיגן אַן עלעגאַנט געקליידעטע פרוי, וואָס האָט געמאַכט אַ ווירדיגן איינדרוק. די פרוי האָט זיך פאָרגעשטעלט פאַרן בית-דין אַלס נישט קיין היגע, זי וואוינט אין פּרוסיע (אַ געגנט אין דייטשלאַנד) און צוליב זייער אַ וויכטיגן ענין איז זי געקומען אַהער, וועלכן זי קען עס נישט פאַרטרויען נאָר פאַר׳ן רב אַליין. דער רב איז געזעסן - ווי זיין שטייגער

- נעבן אַ טיש אָנגעלייגט מיט ספרים און זיך פאַרטיפט אין לערנען. די פרוי האָט זיך געשטעלט קעגנאיבער דעם טיש און מיט גרויס הכנעה געבעטן ערלויבעניש צו דערציילן וועגן וואָס זי איז אַהער געקומען. ערשטנס - האָט די פרוי געזאָגט - וויל זי לאָזן וויסן דעם רב, אַז כאָטש זי וואוינט איצט אין דייטשלאַנד, רעכט זי זיך צווישן די גאָר פרומע פון איר שטאָט, און איר שטוב פירט זיך בתכלית הכשרות, ווי עס קען גאָר בעסער נישט זיין. שטילערהייט האָט זי צוגעגעבן, אַז זי איז די טאָכטער פונעם מחבר פונעם מורא'דיגן העצע-בוך "נתיבות עולם" פון וועלכן דער רב האָט שוין לאַנג געהערט.

**וואָס פאַר** אַ ספר איז עס געווען דער "נתיבות עולם"? אין דער שטאָט לאָנדאָן איז פלוצלונג ערשינען אַ בוך אין פינף בענדער, וועלכער עס האָט אַרויסגעגעבן א משומד, אַ שונא ישראל, דער נאָמען פונעם בוך האָט ער גערופן "נתיבות עולם", דער דאָזיגער בוך איז געווען פול מיט פאַרדאָרבענע בלבולים און חרופים וגדופים אויף די תורה הקדושה, סיי אויף תורה שבכתב סיי אויף תורה שבעל פה, סיי אויף דעם אידישן פאָלק און סיי אויף דאָס גאַנצע אידישקייט. דער דאָזיגער בוך איז געשריבן געוואָרן אַזוי גיפטיק און מיט אַזאַ פאַרדאָרבענע און שענדליכע שפּראַך אַז עס האָט ממש צעשוידערט יעדן וואָס האָט עס געלייענט. דער דאָזיגער בוך איז געדרוקט געוואָרן אויף לשון-קודש און אויך אויף ענגליש און איז פאַרשפּרייט געוואָרן אין גאַנץ ענגלאַנד. באַלד נאָך זיין ערשינען, האָט עס שרעקליך אויפגערודערט און אויפגעקאָכט דאָס ענגלישן אידנטום, און זיי האָבן צונויפגערופן אַ גרויסע פאַרזאַמלונג אין דער אָנוועזנהייט פון דעם באַוואוסטן אידישן שתדלן און נגיד ר' משה מאַנטיפיאָרן, וועלכער האָט זיך דאַן געגרייט צו פאָרן קיין דמשק און זיך משתדל זיין ביי דער דאָרטיגער מאַכט אָפּצורופן דעם שענדליכן בלוט-בלבול וואָס עס האָט זיך דאָרטן פאַרפּלאָנטערט און צוליב וועלכן פיל אידן האָבן געשמאַכט אין די טורמעס.

**פון דמשק** האָט דער שר ר׳ משה מאָנטיפיאָרי געזאָלט פאָרן קיין רוסלאַנד און זיך משתדל זיין ביים צאַר ניקאָלאַי ער זאָל אָפּרופן די שרעקלעכע גזירות וואָס זיי האָבן אויסצושטיין און לייכטער מאַכן די אידן דעם געפּלאָגטן לעבן וואָס זיי האָבן געלעבט אונטער זיין הערשאַפט. ביי דער דאָזיגער שטורעמדיגער פאַרזאַמלונג איז דער עולם געווען שרעקלעך אויפגעקאָכט, ווי אַזוי איינער וואָס געהערט צום אידישן פאָלק, קען האָבן אַזאַ האַרץ אַזוי צו דערנידערן און פאַרשמוצן דאָס אידישע פאָלק מיט זיין תורה. איז געבליבן אַז דער שר ר׳ משה מאָנטיפיאָרן, אויף זיין רייזע זאָל אויפזוכן אַזאַ איינעם וואָס האָט אַ געשליפענע פענע און פאַרמאָגט גרויסע ידיעות אין לערנען, ער זאָל זיך קענען אונטערנעמען און פאַרפאַסן אַ בוך וואָס זאָל אָפּרופן די אַלע פאַלשע בלבולים און אויפווייזן זייער לעכערליכקייט.

**און דער** דאָזיגער מחבר פונעם שרעקליכן שענדליכן בוך ״נתיבות עולם״ איז געווען דער פאָטער פון די פרוי וואָס איז איצט געשטאַנען אין צימער פון גאון ר׳ בנימין דיסקין זצ״ל און דערציילט איר לעבנס געשיכטע: מיין פאָטער - האָט די פרוי אָנגעהויבן צו דערציילן דעם רב - איז געווען אין זיינע יונגע יאָרן אַ מלמד דרדקי אין איינע פון די ליטווישע שטעטלעך פון וועלכן ער האָט געצויגן קוים אויף חיונה. מיטאַמאָל האָט זיך גענומען פאַרשפרייטן קלאַנגען אַז דער דאָזיגער מלמד פירט זיך נישט ווי מ׳דאַרף אין פיל אידישע זאַכן. און כאָטש ער איז געווען אַ פעהיגער און טיכטיגער מלמד, האָבן די עלטערן אויפגעהערט שיקן זייערע קינדער צו לערנען ביי דעם דאָזיגן מלמד, אַזוי אָרום איז ער געבליבן ווי אויפן וואַסער, און נישט געהאַט אפילו אויף אַ שטיקל ברויט, האָט ער דאַן גענומען דעם וואַנדער שטעקן און זיך אַרויסגעלאָזט אויף דער גרויסער וועלט. די ערשטע צייטן האָט ער נאָך ווי עס איז אַריינגעוואָרפן אַמאָל אַ בריף אין שטוב, אָבער מיט דער צייט האָט זיך אויך דאָס אָפּגעשטעלט און די פאַמיליע

האָט נישט געוואוסט וואוהין ער איז פאַרפאַלן געוואָרן. עס זענען פאַרשפּרייט געוואָרן קלאַנגען, אַז ער איז אַוועק קיין לאָנדאָן און דאָרטן זיך אָנגעקלעפּט צו די מיסיאָנען און ענדליך זיך אָפּגעשמדט. קיין קלאָרע זאַך האָט מען אָבער נישט געוואוסט. ווען עס איז אָבער ערשינען רער דאָזיגער בוך, איז באַלד קלאָר געוואָרן, אַז דער פאַרשוואונדענער מלמד, ער איז עס דער וועלכער האָט אַרויסגעגעבן דעם דאָזיגן מיאוסן פּאַמפלעט.

**מיין מוטער** (די פרוי פון דעם דאָזיגן משומד) וועלכע איז פאַרבליבן אַן אָרעמע לעבעדיגע עגונה, האָט ערוועקט רחמנות ביי אירע באַקאַנטע, וועלכע האָבן גענומען זאָרגן פאַר איר עקזיסטענץ און מען האָט איר אויפגעשטעלט אַ קרעמל פון וועלכן זי האָט פאַרדינט און געשפּייזט אויך איר, די איינציגע טאָכטער אירע. מיט דער צייט האָט זיך דער צושטאַנד פון דער עגונה פאַרבעסערט, און זי איז רייך געוואָרן. זי האָט געפירט איר שטוב ערליך און פיין, און אויף דעם זעלבן וועג האָט זי געהאָדעוועט די טאָכטער. ווען זי איז עלטער געוואָרן האָט זי איר חתונה געמאַכט מיט גאָר אַ פיינעם יונגערמאַן, אַ למדן און אַ בעל מדות, זיי האָבן זיך באַזעצט אין דייטשלאַנד און געפירט זייער הויז אויף דעם גרונד פון תורה און יראה.

**די גאַנצע** צייט האָט זי, די איינציגע טאָכטער, זיך אָנגעשטרענגט אַרויסצוקלאַפּן פון איר געדאַנק דעם אָנדענק פון איר פאָטער, דער משומד און צורר ישראל, ווייל טאָמער זי האָט זיך אַמאָל דערמאָנט אין אים פלעגט עס איר זייער ווייטאָן און שטעכן אין האַרץ. ווי ערשטוינט איז זי, די טאָכטער, געוואָרן ווען אין אַ טאָג באַקומט זי פלוצלונג אַ בריוו, אויף וועלכן עס איז געווען אָנגעשריבן דער נאָמען און אַדרעס פון איר פאָטער דער משומד. זי האָט זיך אָנגעשטרענגט מיט אַלע כוחות איינצוהאַלטן אין זיך דעם עקל וואָס זי האָט געפילט אין אירע אַלע גלידער, און זי האָט גענומען איבערלייענען דעם בריוו. אינעם בריוו איז געווען געשריבן ווי פאָלגנד: טייערע טאָכטער! איך

ווייס גאַנץ גוט מיין נידעריגע לאַגע און מיין ווערד אין דיינע אויגן ווי אויך אין די אויגן פון גאַנצן אידישן פאָלק. איך ווייס ליידער אויך מיינע שרעקליכע זינד וואָס איך האָב געזינדיגט קעגן השם יתברך, זיין תורה און פאָלק אין מיינע אַלע לעבנס יאָרן. וויסן זאָלסטו אָבער טאַכטער! אַז ענדליך, נאָך דעם וואָס איך האָב געזונקען אין דעם טיפן אָפּגרונד פון דער טומאה, האָט זיך אין מיר ערוועקט דער אידישער פונק און מיר געגומען דריקן, דאָס חרטה געוויסן עסט מיך אויף, דריקט מיר ביז גאָר, און לאָזט מיר נישט צורוה. מיינע גוטע פריינד, די מסיתים און מדיחים, די מיסיאָנערן, וועלכע האָבן מיר צוגעברענגט צום דאָזיגן נידעריגן צושטאַנד און ביי וועלכן איך בין געוועזן אַ נוציגע ווערק צו באַרעדן און באַשמוצן דאָס אידישע פאָלק, זיין תורה און באַשעפער, זיי האָבן מיר דערנענטערט נאָר דאַן ווען איך זיי האָבן מיר באַדאַרפט. ווען זיי האָבן באַמערקט אַז איך בין שוין נישט דער זעלבער עוכר ישראל, אַז דער אידישער פונק האָט זיך אין מיר צעפלאַקערט, האָבן זיי מיר געגומען רודפן מיט די גרעסטע רדיפות ביז זיי האָבן מיר ענדליך פאַרטריבן פון זיי. יעצט בין איך אַלט און קראַנק, אַ צעבראָכענער שערבל אין גייסט און קערפער, פאַרלאָזט און פאַרשליידערט, איך האָב נישט קיינעם צו ווענדן איך זאָל מיך ווענדן צו הילף, איך האָב נישט קיין אָרט וואו דעם קאָפּ צושפּאַרן, בעט איך דיר, טאָכטער מיינס: האָב רחמנות אויף דיין אַלטן פאַרלאָזענעם טאַטן! העלף מיר אַרויס אין מיין שרעקליכן נויט. איך פאַרלאַנג פון דיר נישט מער ווי אַ קליינקייט, איך זאָל געפינען ביי דיר אין הויז אַ שטיקל ווינקל אָנצושפּאַרן מיין קאָפּ און אויסלעבן מיינע יאָרן וואָס השם יתברך האָט מיר נאָך געשאָנקען.

**דער דאָזיגער** בריוו האָט מיר זייער צעטומלט, און נאָך דעם וואָס איך האָב וועגן דעם איבערגערעדט מיט מיין מאַן, האָבן מיר באַשלאָסן אים צו שרייבן דעם פאָלגענדער ענטפער: מיר זענען גרייט אים אויפנעמען ביי אונז, מיטן באַדינג, אַז ער זאָל זיך

צוריק אָנטאָן מיט אידישע קליידער און באַקומען אַ אידישע צורה. אויך ווילן מיר אַז די גאַנצע צייט וואָס ער וועט זיך ביי אונז אויפהאַלטן זאָל ער מיט קיינעם קיין פאַרקער נישט האָבן, כדי ער זאָל זיך נישט אַרויסכאַפּן נישט ווילנדיג וועגן זיין פאַרגאַנגענהייט און אונז פאַרשאַפן גרויס שאַנדע.

**דער אַלטער** האָט אויסגעפירט אַלס וואָס זיי האָבן ביי אים געבעטן, און מיט אַ האַרץ פול מיט חרטה - און טרערן וועלכע שטיקן אים דאָס האַלז - איז ער ענדליך אָנגעקומען צו די טאָכטער אין הויז. ווי נאָר ער האָט געעפנט די טיר, האָט ער אויסגעבראָכן אין אַ יאָמערליכן געוויין, טייכן טרערן האָבן זיך געגאָסן פון זיינע אויגן ביז ער איז אַנידערגעפאַלן אין חלשות. די הויז מענטשן האָבן אים אויפגעמינטערט און אַריינגעפירט אין זיין צימער. דער אַלטער איז געלעגן איינזאַם אויף זיין בעטל, עס האָט אים געשווינדלט דער קאָפּ, דאָס האַרץ האָט אים שרעקליך געדריקט, און פון די אויגן האָט נישט אויפגעהערט צו פליסן טרערן, ער האָט עפּעס געהאַט ווי אַ פאָרגעפיל אַז דערמיט וואַשט ער אָפּ זיינע פיל שרעקליכע זינד וואָס ער איז באַגאַנגען אין זיין לעבן.

**דער אַלטער** איז איינגעדאַרט געוואָרן פון טאָג צו טאָג, זיינע זינד וואָס ער איז באַגאַנגען האָבן אים אויפגעפרעסן און ער האָט זיך נישט געפונען קיין אָרט, ער האָט זיך געשעמט צו קוקן די טאָכטער מיטן איידעם אין פנים, פון אינדערפרי ביז ביינאַכט איז ער געזעסן ביים פענסטער און זיך צוגעקוקט צו די טשוויטשענדע פייגעלעך, און די פייגעלעך, ווי נאָר זיי פלעגן אויף אים אַ בליק טאָן האָט זיי אָנגעכאַפּט אַ ציטער און זיי זענען זיך באַלד צעפלויגן, ווי זיי וואָלטן געוואוסט זיין שרעקליכע פאַרגאַנגענהייט.

**פון מאָל** צו מאָל פלעגט ער זיך נעמען אַרומדרייען איבערן צימער און זיינע ליפּן פלעגן שעפּטשען מיט גרויס ציטערניש די

ווערטער ״ולפני מי אתה עתיד ליתן דין וחשבון״. עס פלעגט אים נעמען ציטערט דער גאַנצער קערפּער, ער איז באַדעקט געוואָרן מיט שוויס און זיין גאַנצער לעבנס-געשיכטע פלעגט זיך דאַן באַווייזן פאַר אים, דאַן פלעגט ער אָנהויבן ביטער וויינען און יאָמערן מיט שרעקליכע קולות ביז ער פלעגט אַנידערפאַלן אָן כוחות אויף זיין בעט, און אַריינשטופּן די קאָפּ אין קישן, שעמענדיג זיך צו קוקן אויף די ווענט און אויף אַלץ וואָס געפינען זיך אין צימער.

**איין טאָג,** געווען איז עס אין חודש אלול, האָט דער אַלטער אַריינגערופן צו זיך די טאָכטער און דעם איידעם - דערשפּירנדיק אַז זיין סוף דערנענטערט זיך, און קיין סך איז אים שוין נישט געבליבן צו לעבן - און מיט אַ שוואַכע שטימע האָט ער זיי געזאָגט: טייערע קינדער, איך וויל אייך איבערגעבן אַ צוואת ״שכיב מרע״, דורך וועלכן איך וויל אויך האָפן אַז מיט די שווערע משא פון מיינע שרעקליכע זינד וועל איך נאָך אפשר געפינען פאַר מיר אַ מליץ יושר אויף דער וועלט, נאָך דעם וואָס איר וועט איבער דערציילן מיין גאַנצע לעבנס-געשיכטע פאַר איינעם פון די גדולי און צדיקי הדור. וויסן זאָלט איר, מיינע טייערע, אַז אונזער פאַמיליע שטאַמט פון דער שטאָט אַלטונא, אין די יונגע יאָרן פון מיין פאָטער איז דעמאָלס געווען רב אין אַלטונא דער באַוואוסטער גאון און צדיק רבי יהונתן אייבשיץ זצ״ל, באַקאַנט אויף דער וועלט אַלס ר׳ יונתן פּרעגער. עס איז אויך באַקאַנט אַז דער גאון רבי יעקב עמדין זצ״ל האָט אויפגערודערט די וועלט אין זיין גרויס קנאות, וואַרפנדיג אַ פאַרדאַכט אויף ר׳ יונתן אַז ער האט אַ פאַרקער מיט די שבתי צבי׳ניקערס שר״י.

**דער גאון** רבי יעקב עמדין האָט געהאַט ביי זיך אין שטוב אַ באַזונדער מנין, ווייל די פּרנסים פון דער שטאָט אַלטונא האָבן אים נישט געלאָזט דאַוונען אין דער גרויסער שול וואו עס האָט געדאַוונט דער רב פון שטאָט, כדי עס זאָל נישט קומען צו קיין קריגעריי. ביי דעם מנין פון ר׳ יעקב עמדין, פלעגן זיך צונויפקלייבן

אויך אַזעלכע אידן וועלכע האָבן געהאַט אַ פאַרדרוס אויפן רב און געהאַט די געלעגנהייט אויסצונוצן די מחלוקת פון רבי יעקב עמדין אויפן רב פאַר זייער פערזענליכן נוצן. צווישן די מתפללים פון דעם מנין איז געווען אויך מיין פאָטער, און וויבאַלד ער האָט פאַרמאָגט אַן אויסגעצייכנטן טאַלאַנט אין שרייבעריי, האָט ער פיל מיטגעהאָלפן אין דער מחלוקת, פאַרפאַסנדיג ביכלעך מיט קונטרסים וועלכע האָבן געלעסטערט און פאַרשעמט דעם רב, און עס איז געווען ווי אויל אויפן פייער.

**איינמאָל** האָט מיין פאָטער פאַרפאַסט אַ נייעם קונטרס וועלכן ער האָט אַ נאָמען געגעבן "עקיצת עקרב", דעם טאָג וואָס דער דאָזיגער קונטרס איז געענדיגט געוואָרן איז געווען פונקט דעם טאָג וואָס מיין ברית איז פאָרגעקומען. אַלע מתפללים פון דעם מנין האָבן געוואונטשן מיין פאָטער אַ "טאָפּעלטן מזל טוב", צולייגנדיג, אַז זיי זעען אין דעם אַ גוטן סימן וואָס דער טאָג פון מיין ברית איז אויסגעפאַלן פונקט אין דעם זעלבן טאָג וואָס דער דאָזיגער קונטרס איז פערטיג געוואָרן, אויך דער גאון רבי יעקב עמדין האָט אויפגעהויבן זיינע הענט און אויסגערופן: איך ווינטש אַ מזל טוב פאַר אונזער מחבר, דער דרייסטער קעמפער, איך בעט השי"ת אַז אין דעם זכות זאָל דאָס קינד אויפוואַקסן און זיין פונקט פאַרקערט ווי דער מענטש (ר' יונתן אייבשיץ) קעגן וועמען דער דאָזיגער קונטרס איז געצילט, און זיינע עלטערן וועלן זיך מיט אים גרויסן! "אמן" - האָט דער גאַנצער עולם אויסגעשריגן. עס איז נישט פאָרצושטעלן די גרויסע שמחה וואָס האָט געהערשט אויף דער סעודה פון דעם ברית, אַלטונא האט נאָך - זינט זי עקזיסטירט - אַזאַ פריילעכע ברית מילה סעודה נישט געזען.

**ווען מען** האָט שפּעטער דערציילט וועגן דעם דאָזיגן ברית צום רב, דער גאון רבי יונתן אייבשיץ זצ"ל און וועגן דער ברכה וואָס דער קינד האָט באַקומען, האָט זיין געזיכט גענומען פלאַמען, און ער האָט אויסגערופן: אמן, הלוואי!... אַ טיפער קרעכץ האָט זיך

אַרויסגעריסן פון אַלטנ'ס האַרץ, און ער האָט דערנאָך ווייטער געזאָגט: יעצט ווייסט איר שוין, מיינע טייערע, פאַר וואָס איך בין געפאַלן אַזוי נידעריג - דאָס איז זיכער, אַז ביידע, סיי דער גאון רבי יעקב עמדין און סיי דער גאון רבי יונתן אייבשיץ, זענען געווען צדיקים קדושים וטהורים, און וויבאַלד אַז זיי האָבן מיר געבענטשט אַז איך זאָל אויסוואַקסן פאַרקערט ווי דער צדיק ר' יונתן, איז עס פּינקטלעך מקויים געוואָרן, עס האָט מיר געצוואונגען ווי מיר אַ העכערער קראַפט איך זאָל זינקען אין שאול תחתית אַריין. און כאָטש איך טראַכט גאָרנישט אַז דאָס וועט מיר פטר'ן פון אָפּגעבן אַ דין-וחשבון אויף מיינע זינד און באַקומען דעם געהעריגן שטראָף, דאָך בין איך זיכער אַז עפּעס אַ פאַרלייכטערונג וועט עס מיר ברענגען, וואָס די דאָזיגע ברכה איז ביי מיר פאַרקערפּערט געוואָרן פאַר אַ קללה, און פאַרפינסטערט דאָס לעבן אויף דער וועלט און יענער וועלט.

**אויב דו** וועסט דאָס אַלעס דערציילן פאַר איינעם פון די צדיקי הדור, און ער וועט עס דערהערן און מתפלל זיין פאַר מיין זינדיגע נשמה, האָף איך, אַז נאָך דעם וואָס מיין פאַרשטויסענע נשמה וועט באַקומען די אַלע שטראָפן (וואָס איר קומט ווירקליך, לויט מיינע שענדליכע און נידריגע מעשים), וועט זי סוף כל סוף האָבן אַ תיקון, און צוקומען צו איר מקום מנוחה, ווי דער אויבערשטער האָט צוגעזאָגט פאַר די פושעי ישראל, אַז אויך זיי זאָלן נישט אינגאַנצן פאַרשטויסן ווערן - "לבל ידח ממנו נדח".

**ווען דער** אַלטער האָט געענדיגט זיינע רייד, איז ער אַנידערגעפאַלן אויפ'ן בעט אָן כוחות, און אַזוי געלעגן אַ שטיקל צייט. פּלוצלונג האָט ער זיך געגעבן אַ הויב אויף, און זיינע אויגן האָבן געקוקט שרעקליך אַרום זיך, ווי איינער זוכט זיך צו אָנהאַלטן אין אַ רעטונגס ברעט, ער האָט גענומען מורא'דיג שרייען און ברומען: געוואַלד! געוואַלד! "וואָס איז דיר, פאָטער" - זענען די טאָכטער מיטן איידעם צוגעלאָפן צום אַלטן, דערשראָקענע. "אוי לי מיום הדין! אוי

לי מיום התוכחה!״ - האָט דער אַלטער געשריגן פון טיפן האַרצן. פלוצלונג איז ער בלאַס געוואָרן, דער אָטעם איז אים געוואָרן שווער, דער קאָפּ איז אים צוריק געפאַלן אויף אונטן, און מיט אַ געשריי ״שמע ישראל״ האָט ער אויסגעהויכט זיין נשמה. דער האַראָדנער רב, דער גאון ר׳ בנימין דיסקין זצ״ל, האָט אויסגעהערט די דאָזיגע העכסט אינטערעסאַנטע געשיכטע מיט גרויס שפּאַנונג. ער האָט צוגעזאָגט די פרוי אַז ער וועט טאָן אַלעס וואָס נאָר מעגליך פאַר׳ן תיקון פון איר פאָטער׳ס אומגליקליכע נשמה. די פרוי האָט זיך געזעגנט פונעם רב און אים זייער געדאַנקט און געבענטשט דערפאַר.

**די דיינים** וועלכע זענען געזעסן ביים רב אין פאָדער צימער, האָבן זיך זייער געוואונדערט אויפן רב, וואָס זיין צייט איז אַזוי טייער, יעדע מינוט זיינע איז ווערד אַ פאַרמעגן, און דאָ זיצט ער און הערט אויס אַזאַ לאַנגע געשיכטע פון אַ פרעמדע פרוי? ווען די פרוי האָט פאַרלאָזט דעם צימער, איז דער רב אַרויס צו די דיינים און זיי געזאָגט: געוויס וואונדערט איר זיך וואָס איך האָב אויסגעהערט אַ פרוי, באַזונדער אַזאַ לאַנגע צייט, אָבער די דאָזיגע געשיכטע איז אַ מורא׳דיגער מוסר השכל, ווי ווייט מען דאַרף זיין געוואָרנט זיך צו היטן פון מחלוקת און זיך דערווייטערן פון יעדן זאַך וואָס קען צוברענגען צו אַ ״עלבון התורה״ חס-ושלום.

**נאָך דעם** וואָס ער האָט איבער דערציילט פאַר די דיינים די גאַנצע געשיכטע האָט ער אויסגעפירט: אָט זעען מיר מיט אונזערע אויגן דעם ביטערן סוף פון דעם וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט צו פאַרפאַסן פאַמפלעטן און קונטרסים דורך וועלכן עס איז געווען אַ זלזול התורה און אַ זלזול תלמידי חכמים, כאָטש ער האָט געוויס אויך געהאַט אַ מחשבה ״לשם שמים״, עס איז אָבער אַ שפּיל מיט פייער, ווער עס רירט זיך צו, ווערט אָפּגעבריט. וואויל איז צו דעם וואָס טרייסלט זיך אָפּ און נעמט נישט קיין אַנטייל אין קיין שום מחלוקת,

ער היט זיך עס זאָל חס-ושלום נישט צוקומען צו קיין זלזול אין תלמידי-חכמים - אשרי לו ואשרי חלקו!

❖ ❖ ❖

# פרק צ״ד

## אין דעם פרק ווערט דערקלערט: אַז השי״ת איז זיך משתתף אין די צרות פון די אידן און נידערט מיט זיי אראָפּ אין גלות

**א. כתיב,** עס שטייט אין פסוק ״כֹּה אָמַר ה׳ לְמַעַנְכֶם שִׁלַּחְתִּי בָבֶלָה״ (ישעיה מג, יד) - אַזוי האָט השם יתברך געזאָגט, פון אייערט וועגן בין איך געשיקט געוואָרן קיין בבל. אין דעם פסוק ווערט באַשייד דאָס גרויס ליבשאַפט וואָס השם יתברך האָט ליב די אידן, דאָס ער איז זיך משתתף אין זייער צער כביכול און האָט מיט זיי גענידערט קיין גלות בבל.

## ווער עס וויינט אויפן צער פון שכינה און אידן, אויב עס קומט אויף אים אַ צער וועט ער עס גרינג דורכטראגען

**ב. ובזוהר,** און אין זוהר שטייט (חלק ב׳ דף ב׳ ע״ב) רבי שמעון בן יוחאי האָט געזאָגט, דער וואָס געוויינט זיך צו טרויערן אויף דעם צער פון די שכינה כביכול, כאָטש עס קומט אויף דעם מענטש אַ צער זאָל ער עס ליידן, און זאָל נישט זאָרגן דערויף. אָבער דער וואָס געוויינט זיך נישט מתאבל זיין אויף דעם צער פון דער שכינה כביכול און און דעם צער פון די אידן, נאָר ער טוט זיך אַלץ אָן גרויסע תענוגים, אַז עס קומט אויף אים עפּעס אַ צער, איז דאָס אַ גאַנצע צער. וועגן דעם ווען אידן זענען חס-ושלום אין צער, דאַרף יעדער איד דערויף וויינען און קלאָגן.

## ווען די אידן זאָלן וויסן דאָס ליבשאַפט וואָס השם יתברך האָט זיי ליב, וואָלטן זיי געשריגן ווי לייבן נאָך צו יאָגן נאָך אים

**ג. והנה,** אין גלות בבל איז געווען אַ גאַנצע צער, ווייל די אידן זענען

אין ארץ ישראל אין גרויסע תענוגים, און האָבן געגנידערט אין גלות אריין, אין מיל שטיינער זענען געווען אויף זייערע העלזער, און זייערע הענט זענען געווען אַ הינטער געבונדן, האָט השם יתברך גערופן צו זיין פמליא און האָט געזאָגט, פאַרוואָס זיינען מיינע זין אין גלות און איר זענט דאָ, נידערט אַלע מיט זיי און איך וועל אויך גיין מיט אייך, ווי זיי האָבן אַראָפּ געגנידערט האָט דער רוח הקודש גערוט אויף יחזקאל הנביא, האָט ער געזאָגט צו די אידן, אייער הער איז דאָ און אַלע חיילות פון דעם הימל זיינען געקומען וואוינען דאָ מיט אייך, האָבן די אידן אים נישט געגלייבט, ביז יחזקאל האָט זיי געזאָגט אַלץ וואָס ער האָט געזען בנבואה, האָט רבי שמעון בן יוחאי געזאָגט, אין דער צייט האָבן די אידן זיך געפרייט אַ גאַנצע פרייד, ווייל זיי האָבן געזען אַז השם יתברך איז מיט זיי, ר׳ יהודה האָט געזאָגט, ווען די אידן זאָלן וויסן דאָס ליבשאַפט וואָס השם יתברך האָט זיי ליב, וואָלטן זיי געשריגן ווי לייבן נאָך צו יאָגן נאָך אים.

## נאר דער וואס קלאגט אויפן חורבן וועט זוכה זיין צו פרייען זיך אין ירושלים מיטן בית המקדש

**ד. ומה מאד,** אוי ווי שטאַרק גוט איז פאַר יעדן מענטש צו קלאָגן אויף דעם חורבן, און בפרט פון שבעה עשר בתמוז אָן און ווייטער, וואָס זיי זענען קלאָג טעג, דאַרפן מיר דעמאָלט אַוודאי צו קלאָגן, און מכל שכן אין דעם טאָג פון תשעה באב, וואָס דאָס איז אַ פינסטערער און אַ צער טאָג, און בעוונותינו הרבים האָב איך געזען אַ גרויס שטרויכלונג אין פיל מדינות, אַז מענטשן קומען אין שול אַריין, און נישט געוויין און אַ ביטער קול, נאָר זיי לאַכן נאָך און פרייען זיך גלייך ווי אין שמחת-תורה. און געדענקען נישט אַז זייער סוף וועט ביטער זיין, און זייער עונש וועט ביטער זיין, און די אַלע מענטשן וועלן נישט זוכה זיין צו זען אין די נחמות פון די אידן אַז משיח וועט קומען, און אויף די רבנים און פרנסים פון דור איז אַ מצוה צו זאָגן מוסר פאַר די וואָס פרייען זיך

אין דעם צרה טאָג. אָבער דער וואָס קלאָגט תמיד אויף דעם חורבן בית-המקדש און איז זיך מצער אין דעם צער פון די אידן, דער וועט זוכה זיין צו זען די נחמה ווען משיח וועט קומען, צו זען די הילף פון השם יתברך און צו פרייען זיך אין דעם בנין בית-המקדש און אין די הייליגע שטאָט ירושלים אַזוי ווי עס שטייט אין פסוק איר וועט זיך פרייען אַלע וואָס קלאָגן אויף ירושלים אמן.

❖ ❖ ❖